**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון $21.3 מיליאן אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט אויף די טרו-וועי אין אולסטער און גרין קאונטיס

***פראיעקט נעמ אריין טיפע פאררעכטונגען און אויספלאסטערונג פון גאסן, און איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2024***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א $21.3 מיליאן אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט אויף די טרו-וועי (I-87) אין אולסטער און גרין קאונטיס. די פראיעקט נעמט אריין גענצליכע און טיילווייזע טיפקייט פאררעכטונגען, אינאיינעם מיט נייע אויספלאסטערונג פון גאס אויף א 15.5-מייל שטרעקע פון I-87 פון מיילפאסט 93.8 ביז מיילפאסט 109.3, צווישן עקזיט 19 (קינגסטאן - NY רוט 28 - קינגסטאן-ריינקליף בריק) און עקזיט 20 (סאוגעריס - וואדסטאק - NY רוט 32). אומגעפער 40,000 דרייווערס נוצן דעם שטרעקע פון I-87 איןביידע ריכטונגען יעדן טאג.

"ניו יארק זעצט פאר צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין אונזער אינפראסטרוקטור צו בעסער מאכן די זיכערהייט, שטארקקייט און לעבנסטעג פון אונזער טראנספארטאציע סיסטעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז איינס פון צענדליגע פראיעקטן אויף די טרו-וועי און סטעיט גאסן וועלכע וועלן מאכן קריטישע פארבעסערונגען אויף אונזערע סיסטעם פאר די קומענדיגע אסאך יאר."

די פראיעקט נעמט אריין גענצליכע און טיילווייזע טיפקייט אויספלאסטערונג פאררעכטונגען נוצנדיג פעך, ווי אויך פאררעכטן שאלדערס אין איינצלנע לאקאלן. מאנשאפטן וועלן אפקראצן און ערזעצן די ערגסטע טיילן פון די שאסיי אריין ביז די 'סאָב-בעיס' שיכט, אין די צפון און דרום ריכטונגען. די ארבעט וועט פאבעסערן די יעצטיגע שאסיי'ס שטארקקייט אין די בוי-ארבעט. מאנשאפטן וועלן אדרעסירן לייכטערע ערטער פון די שאסיי נוצנדיג טיילווייזע טיפקייט פאררעכטונגען דורך אפקראצן בלויז די עקזיסטירנדע אויבערשטע שיכט פון פעך און אינסטאלירן א נייע צוויי-שיכטן אויבערשטע טייל פעך. די פאררעכטונגען וועלן געמאכט ווערן צו פארלענגערן די סערוויס לעבן פון די שאסיי.

נאך די גענצליכע און טיילווייזע טיפקייט פאררעכטונגען, וועט א מיל און אינלעי געמאכט ווערן ביי די פארקינג ערטער וואס געפינט זיך ביי מיילפאסט 103.1, די גאז ערטער די מאלדען סערוויס ארט און ווי אויף די וועגן ארויף און אראפ, אריינגערעכנט די שאלדערס, ביי עקזיט 20. נאך ארבעט נעמט אריין צו טוישן די פלאץ פון די יו-טורן ביי מיילפאסט 98.0 און זיכערהייט פארבעסערונג אזוויי אינסטאלירן א נייע צוים, נייע רעפלעקטיווע ליניע פאסן, און אפגרעידס צו אפלויף רערן.

**טרו-וועי אויטאריטעט עקטינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר פראנק ג. האוער, עסק. האט געזאגט,** "די טרו-וועי אויטאריטעט אינוועסטירט אין וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו פארבעסערן זיכערהייט און פארלענגערן דאס לעבן פון די שאסיי, האלטנדיג די טרו-וועי אלץ איינע פון די פארזיכערסטע הויפט

שאסייען אינעם לאנד. טאל געלטער ווערן אינוועסטירט צוריק אין די טרו-וועי סיסטעם און אונזער קאפיטאל פראגראם, צו פארבעסערן זיכערהייט און פארבעסערן די רייזן ערפארונג פאר דרייווערס."

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "פארזיכערן אז אונזער טרו-וועי איז פארזיכערט און פארלעסליך מאכט א גרויסע אונטערשייד פאר די טויזנטער מענטשן וועלכע רייזן דערויף טעגליך. די I-87 אפגרעידס וועלן שפילן א ספעציפישע קוואליטעט-פון-לעבן טוישער ראלע פאר די דערנעבנדע גרין און אולסטער איינוואוינער, און איך באדאנק גאווערנער האקול און טרו-וועי אויטאריטעט עקטינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר האוער פאר פאראויס רוקן די פאררעכטונגען, וועלכע וועלן מיינען א גרינגערע רייזע פאר אלע פון אונז."

**אסעמבלימיטגליד קריס טאגע האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז די גאווערנער האט זיך צוגעשלאסן צו אונז צו אנהויבן אנטוויקלען די אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט, וועלכע וועט זיכער בענעפיטירן אלע דרייווערס וועלכע פארן דורך אולסטער און גרין קאונטיס. אונזער באהאפטענע שאסייען ווערן וויכטיגער און וויכטיגער מיט יעדע פארביייגייענדע טאג, דערפאר איז קריטיש אז זיי זאלן ווערן גוט אויפגעהאלטן, וואס דאס איז פונקטליך וואס $21.3 מיליאן וועט טון. איך וויל קאנגראטולירן אלע די וועלכע האבן אונז געהאלפן אנקומען צו דעם פונקט, און באדאנק די גאווערנער נאכאמאל פאר איר מיטארבעט אויף די פראיעקט."

**אסעמבלימיטגליד סאראהאנא שרעסטא האט געזאגט,** "די $21.3 מיליאן אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג וועלן מאכן זיכערהייט און בוי-ארבעט שטארקייט פארבעסערונגען אויף א שטרעקע פונעם I-87 וואס גייט דורך אונזער אסעמבלי דיסטריקט. נאנט צו 40,000 דרייווערס נוצט די טייל פון די שאסיי יעדן טאג, און איך קוק ארויס צו זען די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט שפעטער אינעם יאר."

Callanan Industries, Inc. פון אלבאני, ניו יארק, איז דער פראיעקט קאנטראקטאר נאך א פארמעסט בידינג פראצעדור. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארענדיגט אין הערבסט פון 2024.

דרייווערס וועלן זיך מעגליך אנטרעפן מיט פארשלאסענע לעינס אויף די הויפט שאסיי ווי אויך טראפיק ענדערונגען און אפשטעלונגען אין די צייט ווען בוי-ארבעט וועט אנגיין. אלע ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און קען זיך טוישן.

דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין אויף די וואך און אויספאלגן די געשילדערטע ארבעט זאנע שנעלקייט באגרעניצונג. קנסות זענען געדאפלט פאר'ן פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע.

צו נאכמער פארבעסערן זיכערהייט פאר ארבעטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו אוועקשטעלן די אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פילאט פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין אפריל 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע בוי-ארבעט זאנעס אויף די טרו-וועי. ארבעט זאנעס מיט קאמערא אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן פירנדיג צו די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מען קען געפונען מער אינפארמאציע איבער די פראגראם [דא](#).

די אויטאריטעט'ס 2024 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון $451 מיליאן צו שטיצן איר קאפיטאל פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו אינוועסטירן $2.4 ביליאן אין קאפיטאל פראיעקטן אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר — א $500 מיליאן העכערונג נאך די לעצטיגע באשטימטע טאל ענדערונג. די

העכערע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעטן אויף אומגעפער האלב פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 לעין מייל ווי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-וועי'ס 817 בריקן.

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אומשטענדן ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרוּוועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזנדע מאפע וואס פארמאגט לעבעדיגע טראפיק קעמערעס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן